# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................4:20
מוצאי שב"ק.....................5:52

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..........................ישעיה ו'-ז'
בבלי..........................מגילה כ'
ירושלמי.............קידושין כ"ח
תוספתא..........בבא מציעא ט'
רמב"ם...............קרבן פסח ו'


פרשת וארא, כ"ח טבת, מברכים חודש שבט, שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 11, גליון 18 (533)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וָאֵרָא אֶל אַבְרָהָם אֶל יִצְחָק וְאֶל יַעֲקֹב וְגוֹ', פַּארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ דֶערְצֵיילְט אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְוָואס עֶס גֵייט אַזוֹי שְׁוֶוער פַאר דִי אִידְן, אוּן אוֹיף דֶעם הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט זִיךְ בַּאוִויזְן צוּ דִי אַבְרָהָם יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב, לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי אִיז דָאס אַן עֶנְטְפֶער אוֹיף דִי קַשְׁיָא פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ?

דֶער פָּסוּק זָאגְט וַוייטֶער וְגַם הֲקִמֹתִי אֶת בְּרִיתִי אִתָּם לָתֵת לָהֶם אֶת אֶרֶץ כְּנָעַן וְגוֹ', וִוי קוּמְט דָא אַרַיין דִי הַבְטָחָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי אָבוֹת זֵיי צוּ גֶעבְּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל?

רַשִׁ"י זָאגְט "וָאֵרָא אֶל הָאָבוֹת", שְׁטֶעלְן זִיךְ דִי מְפָרְשִׁים וָואס הָאט רַשִׁ"י דָא מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען מֶער פוּן וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נ"ה) אַז כְּדֵי דִי רְשָׁעִים זָאלְן הָאבְּן אַ מַפָּלָה דַארְף מֶען צוּקוּמֶען צוּ דִי בְּחִינָה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים ק"י, א') "שֵׁב לִימִינִי עַד אָשִׁית אֹיְבֶיךָ הֲדֹם לְרַגְלֶיךָ", יְמִין גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַזוֹי וִוי רַשִׁ"י זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ל"ה, י"ח) אוֹיף בִּנְיָמִין - בֶּן יָמִין, וַוייל עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; "שֵׁב לִימִינִי", דוּרְךְ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז מֶען זוֹכֶה "עַד אָשִׁית אֹיְבֶיךָ הֲדֹם לְרַגְלֶיךָ", אַז דִי רְשָׁעִים זָאלְן הָאבְּן אַ מַפָּלָה. אָבֶער יֶעצְט אִיז דָאךְ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּנְטֶער דִי הֶענְט פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא, מְ'זֶעט נִישְׁט אִיר קְדוּשָּׁה, פוּן דֶעסְט וֶועגְן קֶען מֶען יֶעצְט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי קְדוּשָּׁה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (וַיִּקְרָא כ"ו, מ"ד) "וְאַף גַּם זֹאת בִּהְיוֹתָם בְּאֶרֶץ אֹיְבֵיהֶם" , דָאס אִיז מֶען זוֹכֶה דוּרְךְ זְכוּת אָבוֹת, וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (שְׁלַח קע"ד.) "בַּאֲתַר דְּאִית תַּמָּן אָבוֹת, אִית תַּמָּן שְׁכִינְתָּא", אוּן וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (וַיִּקְרָא כ"ו, מ"ב) "וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי יַעֲקוֹב וְגוֹ' וְהָאָרֶץ אֶזְכֹּר", וֶוען מֶען הָאט דִי זְכוּת אָבוֹת, וֶוערְט נִתְגַּלֶּה דִי קְדוּשָּׁה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז מֶען מַכְנִיעַ אַלֶע רְשָׁעִים.

מוֹהֲרָא"ש אִיז מַסְבִּיר אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף צוּקוּמֶען צוּ זֶען דִי מַפָּלָה פוּן רְשָׁעִים, סַיי בִּכְלָל פוּן אַלֶע רְשָׁעִים אוֹיף דֶער וֶועלְט, אָבֶער בְּעִיקָר דַארְף מֶען מַכְנִיעַ זַיין דִי אֵייגֶענֶע רָשָׁע, דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס בְּרֶענְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ, וָואס דָאס דֶערְבִּיטֶערְט זֵייעֶר שְׁטַארְק דָאס לֶעבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. אוּן כְּדֵי זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ מַכְנִיעַ זַיין דִי רְשָׁעִים דַארְף מֶען הָאבְּן דִי בְּחִינָה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אֱמוּנָה, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים ל"ז, ג') "שְׁכָן אֶרֶץ וּרְעֵה אֱמוּנָה", וַוייל אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שַׁיינְט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְּבָרִים י"א, י"ב) "תָּמִיד עֵינֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בָּהּ מֵרֵשִׁית הַשָּׁנָה וְעַד אַחֲרִית שָׁנָה", אוּן מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אַז יֶעדֶע רִיר פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, מִיט דֶעם אִיז עֶר מַכְנִיעַ אַלֶע רְשָׁעִים, אוּן עֶר קֶען זִיךְ אוֹיךְ שְׁטַארְקְן אִיבֶּער זַיין שְׁוֶוערֶע יֵצֶר הָרָע.

צוּ דִי שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ זְכוּת אָבוֹת, וֶוען מְ'דֶערְמַאנְט זִיךְ דִי בִּיטֶערֶע אוּן שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס דִי אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים זֶענֶען אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאבְּן זֵיי זִיךְ אַלְץ דֶערְהַאלְטְן מִיט אֱמוּנָה, אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז אוֹיסְגֶעפְּרוּאוְוט גֶעוָוארְן מִיט צֶען שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן עֶר אִיז אַלֶעס בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען, יִצְחָק אִיז וַוייטֶער דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען פִילֶע שְׁוֶועריקֵייטְן מִיט זַיין בְּרוּדֶער יִשְׁמָעֵאל, זַיין זוּן עֵשָׂיו, אֲבִימֶלֶךְ מִיט דִי פְּלִשְׁתִּים, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז גֶעוֶוען מִיט יַעֲקֹב וָואס הָאט אַסַאךְ גֶעלִיטְן אִין לֶעבְּן, צָרַת רָחֵל, צָרַת דִינָה, צָרַת יוֹסֵף, צָרַת שִׁמְעוֹן, צָרַת בִּנְיָמִין, אָבֶער אַלֶע אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים הָאבְּן זִיךְ גֶעהַאלְטְן פֶעלְזְן פֶעסְט מִיט אֱמוּנָה, נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מְקַבֵּל גֶעוֶוען אַלֶעס בְּאַהֲבָה; אוּן דָאס הָאבְּן זֵיי אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אוֹיךְ פַאר אוּנְז, אַז אֲפִילוּ וֶוען מִיר גֵייעֶן דוּרְךְ שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן נִסְיוֹנוֹת אִין לֶעבְּן, זָאלְן מִיר זִיךְ נִישְׁט אָפְּרֶעדְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט פְרֶעגְן קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר גְלֵייבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאר צוּם גוּטְן.

צוּזַאמֶען מִיט אֱמוּנָה, קוּמְט תְּפִלָּה. אַז מֶען גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֵוייסְט מֶען דֶעם אַדְרֶעס צוּ וֶועמֶען זִיךְ צוּ וֶוענְדְן, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מְ'זָאל גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט וָואס מְ'דַארְף, אוּן דֶערְפַאר הָאבְּן דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת מְתַקֵּן גֶעוֶוען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת, שַׁחֲרִית מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, וָואס מִיר דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג, צוּ וַוייזְן וִוי אַזוֹי מְ'דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֵייבִּיג, אִין סַיי וֶועלְכֶע מַצָּב מְ'גֶעפִינְט זִיךְ נָאר. שַׁחֲרִית דַאוֶוענְט מֶען אִינְדֶערְפְרִי, וֶוען דִי זוּן שַׁיינְט אוּן עֶס גֵייט גוּט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ דַארְף מֶען אוֹיךְ גֶעדֶענְקֶען צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דַאנְקֶען אוֹיף אַלֶע גוּטֶע חֲסָדִים אוּן אִים בֶּעטְן אַז עֶס זָאל וַוייטֶער אוֹיךְ גוּט זַיין, מִנְחָה דַאוֶוענְט מֶען אִינְמִיטְן טָאג, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ

<<<<<<

## מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ו) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת ו, ט) "וְלֹא שָׁמְעוּ אֶל מֹשֶׁה מִקֹּצֶר רוּחַ וּמֵעֲבוֹדָה קָשָׁה", אַז דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן הֶערְן זִיךְ נִישְׁט צוּ צוּם צַדִּיק, אִיז וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין רִיכְטִיגֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה. אֲפִילוּ אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט טַאקֶע אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער אוּן שְׁטֶערְקְסְטֶער אוּן נָאר עֶר פִירְט דִי וֶועלְט, גְלֵייבְּט אָבֶער נִישְׁט דֶער מֶענְטְשׁ אַז עֶר אַלֵיין אִיז אוֹיךְ חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ וָואס עֶר טוּט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב, אוּן דָאס דֶערְנֶענְטֶערְט אִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאהַאלְט זִיךְ זֵייעֶר וַוייט אוֹיבְּן אִין הִימְל, אוּן אוֹיבּ וִויל מֶען וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מוּז מֶען טוּן עֶפֶּעס גָאר סְפֶּעצִיעֶלֶע זַאכְן, מֶען מוּז זִיךְ אוֹיסְפַּיינִיגְן דֶעם גוּף, אוּן פַאסְטְן, אוּן טוּן שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, אוּן נָאר דַאן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הַנָּאָה הָאבְּן פוּן אִים. אוֹיבּ אָבֶער עֶר וֶועט נָאר טוּן פָּשׁוּטֶע זַאכְן, דַאן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט אוּמְקוּקְן אוֹיף אִים.

דָאס אִיז אָבֶער אַ גְרוֹיסֶער טָעוּת, אוּן אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דָאס אִיז אַן עֵצָה פוּנֶעם יֵצֶר טוֹב אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שְׁוֶוערֶע זַאכְן, אִיז עֶס אָבֶער בֶּאֱמֶת נָאר אַן עֵצָה פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע. וַוייל רוֹב מֶענְטְשְׁן קֶענֶען נִישְׁט טוּן קֵיין שְׁוֶוערֶע אוּן גְרוֹיסֶע עֲבוֹדוֹת, אוּן אַזוֹי וִוי דֶער יֵצֶר הָרַע רֶעדְט אִים אַיין אַז דִי פָּשׁוּטֶע מִצְוֹת אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דָאס נִישְׁט הָאבְּן; מִיט דֶעם

<<<<<<

## א גוט ווארט

וֶוען קִינְדֶער זֶעעֶן אַ גוּטֶע זַאךְ בַּיי זֵייעֶר טַאטֶע - מַאכְן זֵיי דָאס נָאךְ; טוּן צוּ דֶער זַאךְ אִיז מֶער פוּן זָאגְן, הֵייסְן אוּן בַּאפֶעלְן.

וֶוען דוּ גֵייסְט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ דַאוֶוענֶען אָדֶער לֶערְנֶען - זָאלְסְטוּ דָאס זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער, גֵיי נִישְׁט סְתַּם אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ אָן זָאגְן וואוּ דוּ גֵייסְט; צוּם בֵּיישְׁפִּיל: "טַאטִי גֵייט יֶעצְט לֶערְנֶען; פָאלְג מַאמִי, מַאךְ רֵיין דִי שְׁטוּבּ", אָדֶער זָאג: "טַאטִי גֵייט צוּם שִׁיעוּר; לֵיין קְרִיאַת שְׁמַע אוּן גֵיי שְׁלָאפְן".

עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג דִי קִינְדֶער זָאלְן הֶערְן כְּסֵדֶר: 'טַאטִי גֵייט לֶערְנֶען', 'טַאטִי גֵייט דַאוֶוענֶען', 'טַאטִי גֵייט צוּם דַיָּין', 'טַאטִי גֶעבְּט צְדָקָה'; אַזוֹי וַואקְסְן זֵיי אוֹיף גָאר אַנְדֶערְשׁ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיְחִי תשפ"ב)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אִין שׁוֹבָבִי"ם זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאפְלַייסְן אִין לִימּוּד מִשְׁנַיוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, יֶעצְט וֶוען מִיר זֶענֶען אַרַיין אִין דִי וָואכְן פוּן שׁוֹבָבִי"ם זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאפְלַייסְן אִין לִימּוּד מִשְׁנַיוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס; מוֹהַרָא"שׁ זָאגְט, עֶר הָאט מְקוּבָּל פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז בְּשַׁעַת דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי שִׂיחָה הַנַּ"ל פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען, דָאס נֶעמְט אַרוֹיס פוּן עֲבֵירוֹת - אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף לִימּוּד חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת; מִשְׁנַיוֹת - דָאס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג; קוּק נִישְׁט אוֹיבּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט דָאס לֶערְנֶען אָדֶער נִישְׁט, דוּ זָאג דִי וֶוערְטֶער - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁמוֹת תשפ"ב)

<<<<<< אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אַזוֹיפִיל טִירְדוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, אוּן אִינְמִיטְן דֶערְמַאנְט מֶען זִיךְ אַז מְ'דַארְף לוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן זַיין הִילְף מִיט אַלֶע זַאכְן וָואס מֶען טוּט, אוּן בַּייְנַאכְט דַאוֶוענְט מֶען מַעֲרִיב, וֶוען עֶס אִיז טוּנְקֶל פַאר'ן מֶענְטְשׁ, אַלֶעס אִיז בַּיי אִים אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, עֶר זֶעט נָאר צָרוֹת, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר זִיךְ אוֹיךְ וֶוענְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל נָאר אַזוֹי וֶועט עֶר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן אוּן קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי טוּנְקֶלְקֵייט צוּ לִיכְטִיגְקֵייט.

דֶערְפַאר, וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז דִי אִידְן גֵייעֶן דוּרְךְ שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן מוּטְשֶׁען זִיךְ זֵייעֶר, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט "וָאֵרָא אֶל אַבְרָהָם אֶל יִצְחָק וְאֶל יַעֲקֹב", אוֹיבּ ווִיל מֶען זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן רְשָׁעִים אוּן פוּן צָרוֹת, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען דִי שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אוּן תְּפִלָּה וָואס דִי אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים הָאבְּן אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אָבֶּער סְ'אִיז נִישְׁט גֶענוּג צוּ וִויסְן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן, נָאר מִיר דַארְפְן אוֹיךְ גֶעדֶענְקֶען אַז זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן, וִוי רַשִׁ"י זָאגְט "וָאֵרָא אֶל הָאָבוֹת", מִיר זָאלְן מְקַבֵּל זַיין זֵייעֶר יְרוּשָּׁה, זֵייעֶר לֶעבְּן אִיז אוּנְזֶער וֶועג וַוייזֶער, אַז אוֹיךְ מִיר, זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, זָאלְן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה אוּן תְּפִלָּה וֶוען מִיר גֵייעֶן דוּרְךְ אוּנְזֶערֶע שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן בִּיטֶערְנִישְׁן אִין לֶעבְּן, נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים.

אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דֶערְמַאנְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ דִי הַבְטָחָה וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט צוּ גֶעבְּן פַאר אִידְן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, וַוייל נָאר דָאס אִיז דִי וֶועג זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן וֶוען מְ'מוּטְשֶׁעט זִיךְ אִין לֶעבְּן.

יֶעדֶער פוּן אוּנְז הָאט זִיךְ זַיין פְּרִיוַואטֶע גָלוּת מִצְרַיִם, יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט צָרוֹת אִין לֶעבְּן, אָבֶּער אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה אוּן תְּפִלָּה, וֶועלְן מִיר אַלֶעס אִיבֶּערְקוּמֶען, מִיר וֶועלְן הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. (תּוֹךְ הַנַּחַל וָאֵרָא תשע"ב)

<<<<<< מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ צוּבְּרָאכְן, אוּן עֶר בַּאשְׁלִיסְט אַז עֶר הָאט טַאקֶע נִישְׁט קַיין וֶועג צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר גֶעבְּט אַלֶעס אוֹיף.

דֶער צַדִּיק לֶערְנְט אָבֶּער אוֹיס פוּנְקְט פַארְקֶערְט, אַז דַוְקָא דִי פָּשׁוּטֶע זַאכְן, דָאס וָואס זֶעט אוֹיס אִין דִי אוֹיגְן פוּן מֶענְטְשְׁן ווִי פָּשׁוּטֶע זַאכְן, דַוְקָא דָאס בְּרֶענְגְט אַ אִיד נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן וֶוען אַ אִיד זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי פָּשׁוּטֶע מִצְוֹת וָואס עֶר טוּט סַיי ווִי יֶעדְן טָאג, וֶועט דָאס אִים בְּרֶענְגֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ אִיד כַאפְּט נִישְׁט אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט בְּלוֹיז טוּן דִי פְּשׁוּטֶע הֲלָכוֹת פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, עֶר וֶועט אוֹיפְשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי אוּן זִיךְ וַואשְׁן נֶעגֶל וַואסֶער, עֶר וֶועט קַיין דַאוֶוענֶען אִין שׁוּל מִיט מִנְיָן, עֶר וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תּוֹרָה, עֶר וֶועט הַאנְדְלֶען עֶרְלִיךְ אוּן נִישְׁט אוֹיסְנַארְן קַיין מֶענְטְשְׁן; דִי אַלֶע זַאכְן וָואס יֶעדֶער פְּשׁוּטֶער אִיד טוּט, דַוְקָא דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דִי פָּשׁוּטֶע זַאכְן וֶועלְן זִיךְ הַאלְטְן בַּיי אִים פַאר אֵייבִּיג, וַוייל דָאס זֶענֶען זַאכְן וָואס עֶר קֶען שְׁטֶענְדִיג מְקַיֵּים זַיין. ווִידֶערְאוּם דִי שְׁוֶוערֶע אוּן גְרוֹיסֶע זַאכְן, דָאס וֶועט נִישְׁט בְּלַייבְּן, וַוייל דָאס זֶענֶען נִישְׁט זַאכְן וָואס קֶענֶען אָנְהַאלְטְן פַאר אַ לֶענְגֶערֶע צַייט.

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת כ"ד:) אַז אֵיינֶער וָואס שְׁרֵייט הוֹיךְ בַּיים דַאוֶוענֶען שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, אִיז אַ סִימָן אַז זַיין אֱמוּנָה אִיז שְׁוַואךְ. וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ וָואס שְׁרַייט הוֹיךְ, מֵיינְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי וַוייט הוֹיךְ אִין הִימְל, אַז נָאר אוֹיבּ מֶען וֶועט זֵייעֶר הוֹיךְ שְׁרַייעֶן וֶועט עֶר הֶערְן. עֶר כַאפְּט אָבֶּער נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט הַארְט נֶעבְּן אִים, אוּן הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן זַיין מוֹיל, אוּן אֲפִילוּ וֶוען דָאס וֶוערְט גֶעזָאגְט זֵייעֶר שְׁטִיל.

חַזַ"ל זָאגְן אַז וֶוער עֶס עֶנְטְפֶערְט הוֹיךְ "אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא" צוּרֵייסְט מֶען אִים דִי גְזַר דִין פוּן זִיבֶּעצִיג יָאר. זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווִי אַזַא קְלֵיינִיקַייט ווִי עֶנְטְפֶערְן אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא הָאט אַזַא גֶעוַואלְדִיגֶע כֹּחַ צוּ רַאטֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ'ס לֶעבְּן פוּן אַלֶע שְׁוֶוערֶע גְזֵירוֹת.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ כַּשְׁרוּת. עֶס אִיז בָּרוּךְ ה' הַיינְט דָא צוּ בַּאקוּמֶען אַלֶע סָארְט עֶסְן מִיט גוּטֶע הֶכְשֵׁרִים, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שְׁוֶוער צוּ עֶסְן נָאר כָּשֵׁר'ס. אָבֶּער וֶוען אַ אִיד גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף וָואס עֶר נֶעמְט אַרַיין אִין מוֹיל, עֶר זֶעט אַז עֶס זָאל הָאבְּן אַ הֶכְשֵׁר אוּן זַיין נָאר כָּשֵׁר, אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ אֱמוּנָה. דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ם שְׁרַייבְּט אִין אַ בְּרִיוו (עַיֵּין דֶּגֶל מַחֲנֵה אֶפְרַיִם פַּרְשַׁת עֵקֶב) צוּ מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז זֵיי הָאבְּן קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, הָאט זֵיי דֶער רַמְבַּ"ם גֶעשְׁרִיבְּן אַז דָאס קוּמְט פוּן דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעסְן נִישְׁט כָּשֵׁר'ע עֶסְן, אוּן דָאס אִיז אַרַיין אִין זֵייעֶר בְּלוּט אוּן הָאט פַארְשְׁטָאפְּט זֵייעֶר מֹחַ פוּן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה. זֶעט מֶען ווִי דָאס אַלֵיין אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעבְּט אַכְטוּנְג צוּ עֶסְן נָאר כָּשֵׁר'ס, אַ זַאךְ וָואס אִיז טַאקֶע גְרִינְג צוּ טוּן, דָאס דֶערְנֶענְטֶערְט אָבֶּער דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהַרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז נָאךְ דִי בִּיטֶערֶע וֶועלְט מִלְחָמָה וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע, הָאבְּן זֵיי גֶעטְרָאפְן דֶער מַצָּב פוּן כַּשְׁרוּת זֵייעֶר שְׁוַואךְ. עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין גֶעהֶעריגֶע כָּשֵׁר'ע שְׁחִיטָה, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען קַיין חָלָב יִשְׂרָאֵל. נָאר גֶעצֵיילְטֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן הָאבְּן זִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דֶעם, אַזוֹי ווִי דֶער צֶעהְלִימְ'עֶר רָב זי"ע וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ כָּשֵׁר'ע שְׁחִיטָה, אוּן אוֹיךְ אַ פַאבְּרִיק פוּן כָּשֵׁר'ע מִילְךְ אוּן כָּשֵׁר'ע מִילְכִיגֶע פְּרָאדוּקְטְן, אוּן מִיט דֶעם הָאט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט פִילֶע אִידְן פוּן צוּ עֶסְן טְרֵיפוֹת ח"ו.

אִין יֶענֶע צַייט אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן סַאטְמַאר רֶבִּי'ן זי"ע אוּן גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר קֶען מֵקִיל זַיין צוּ גֶעבְּן גוֹי'אִישֶׁע פּוּטֶער פַאר זַיינֶע קִינְדֶער, וַוייל אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ קֶען מֶען טְרֶעפְן גֶעווִיסֶע הֶתֵּרִים אוֹיף פּוּטֶער פוּן אַ גוֹי. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן גֶעזָאגְט: "אָבֶּער אֶפְשָׁר אִיז עֶס בָּשָׂר בְּחָלָב?" דֶער אִיד הָאט זִיךְ גֶעווָאוּנְדֶערְט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער, ווִי קוּמְט אַהֶער בָּשָׂר בְּחָלָב צוּ גוֹי'אִישֶׁע פּוּטֶער? עֶר הָאט אָבֶּער גֶעפָאלְגְט אוּן נִישְׁט גֶענוּצְט דִי פּוּטֶער. עֶס אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער קַיין לַאנְגֶע צַייט אוּן עֶס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען גֶערֶעכְט. וַוייל דֶער פַאבְּרִיק פְלֶעגְט אַרַיינְמִישְׁן פְלֵיישִׁיגֶע בַּאשְׁטַאנְדְטֵיילְן אִין דִי פּוּטֶער עֶס צוּ גֶעבְּן אַ גוּטְן טַעַם.

נָאךְ אַ קְלֵיינֶע מִצְוָה אִיז דָא וָואס יֶעדֶער קֶען מְקַיֵּים זַיין, דָאס אִיז דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה. בַּיי דֶעם מֵיינֶען אוֹיךְ מֶענְטְשְׁן אַז מֶען קֶען נִישְׁט יוֹצֵא זַיין דִי מִצְוָה נָאר אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט גָאר גְרוֹיסֶע סוּמֶעס גֶעלְט פַאר צְדָקָה. אוּן מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז צוּפְרִידְן אוֹיךְ מִיט אַ פֶּענִי. יֶעדֶע פְּרוּטָה וָואס אַ אִיד גֶעבְּט פַאר צְדָקָה דֶערְנֶענְטֶערְט אִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דֶער אֱמֶת אִיז אַז עֶס גֵייט נָאךְ וַוייטֶער, מֶען קֶען טוּן דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה אֲפִילוּ אָן קַיין אֵיין פְּרוּטָה, בְּלוֹיז מִיטְ'ן גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל אוּן אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ צְוֵייטְן אִיד, הָאט מֶען שׁוֹין גֶעטוּן אַ גְרוֹיסֶע צְדָקָה. אַזוֹי ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (כְּתֻבּוֹת קי"א:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מט, יב) "וּלְבֶן שִׁנַּיִם מֵחָלָב", אַז עֶס אִיז חָשׁוּב'עֶר צוּ וַוייס מַאכְן דִי צֵיינֶער פוּן יֶענֶעם, דָאס מֵיינְט צוּ מַאכְן יֶענֶעם פְרֵיילִיךְ, מֶער פוּן ווִי צוּ גֶעבְּן יֶענֶעם צוּ טְרִינְקֶען מִילְךְ.

מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט, זֵיי זֶענֶען בְּרוֹגֶז אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, זֵיי שְׁפִּירְן אַז קֵיינֶער דַארְף זֵיי נִישְׁט הָאבְּן אוּן קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זֵייעֶר זַייט; אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען גֶעבְּט אַ שְׁמֵייכְל אוּן אַ גוּט וָוארְט פַאר אַזַא מֶענְטְשׁ, קֶען מֶען יֶענֶעם מַמָּשׁ רַאטֶעוֶוען. יֶענֶער שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז נָאךְ יָא עֶפֶּעס וֶוערְד. <<<<<<

אוּן אַמָאל אִיז דָא אַ מַצָב וָואס אַ מֶענְטְש שׂוֹין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן אוּן דֶעפְּרֶעסְט, אַז אֲפִילוּ גֶעלְט רֶעדְט שׂוֹין נִישְׁט צוּ אִים. קֶענְסְט אִים פָּארְשְׁלָאגְן אַז דוּ וֶועסְט גֶעבְּן אַסַאךְ גֶעלְט, עֶר דַארְף עֶס אָבֶּער נִישְׁט הָאבְּן, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין לֶעבְּן. אָבֶּער אֲפִילוּ אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען מֶען אוֹיךְ אוֹיפְלֶעבְּן מִיט אַ גוּט וָוארְט, וֶוען מֶען זָאגְט אִים אַז עֶר הָאט נָאךְ אַ הָאפֶענוּנְג אִין לֶעבְּן, עֶר וֶועט נָאךְ אַמָאל מַצְלִיחַ זַיין.

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען צְוֵויי אָרִימֶעלַייט וֶועלְכֶע זֶענֶען אִינְאֵיינֶעם גֶעגַאנְגֶען נָאךְ גֶעלְט. אֵיינֶער פוּן זֵיי אִיז גֶעוֶוען אַ חָסִיד פוּן רֶבִּי נָתָן. אֵיינְמָאל הָאט דֶער צְוֵוייטֶער אָרִימַאן זִיךְ זֵייעֶר צוּקְרֶעכְצְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ זַיין שְׁוֶוער לֶעבְּן. הָאט אִים דֶער חָסִיד פוּן רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דִיר נִישְׁט. נָאךְ סוּכּוֹת בִּיזְטוּ אַרַיין צוּ דַיין רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן צְוֵויי הוּנְדֶערְט רַיינִישׁ, דוּ הָאסְט גֶעקוֹיפְט דֶערְמִיט הָאלְץ פַאר דִי וִוינְטֶער, אוּן עֶס אִיז דִיר נָאךְ אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן נָאךְ. ווִידֶערְאוּם אִיךְ, בִּין גֶעוֶוען יוֹם טוֹב בַּיי מַיין רֶבִּי'ן רֶבִּי נָתָן, אוּן עֶר קֶען מִיר נִישְׁט גֶעבְּן קַיין גֶעלְט ווַייל עֶר הָאט אוֹיךְ נִישְׁט פַאר זִיךְ אַלֵיין. אוּן יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז אִיךְ בִּין גָאר מֶער פְרֵיילִיךְ פוּן דִיר"... הָאט אִים דֶער צְוֵוייטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס אִיז טַאקֶע דֶער חִילוּק. מַיין רֶבִּי הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן גֶעלְט, אָבֶּער דָאס נוּצְט זִיךְ אוֹיס. דַיין רֶבִּי הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן הִתְחַזְקוּת, אוּן דָאס נוּצְט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיס"... זֶעט מֶען פוּן דֶעם וָואס מֶען קֶען אוֹיפְטוּן מִיט אַזַא קְלֵיינִיקַייט ווִי בְּלוֹיז גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל אוּן חִזּוּק פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד.

אוּן דָאס זֶעט מֶען אוֹיךְ בַּיי דִי מִצְוָה פוּן בִּיקוּר חוֹלִים. פַארְוָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט גֵיין בַּאזוּכְן אַ קְרַאנְקְן? ווַייל עֶר מֵיינְט אַז אוֹיבּ עֶר גֵייט מוּז עֶר טוּן עֶפֶּעס גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן פַאר יֶענֶעם. אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶער קְרַאנְקֶער וֶועט זִיךְ מְחַי' זַיין בְּלוֹיז וֶוען מֶען גֵייט אַרַיין צוּ אִים פַאר עֶטְלִיכֶע מִינוּט אוּן מֶען זָאגְט אִים אַ גוּט וָוארְט.

דֶערִיבֶּער דַארְפְן מִיר גֶעדֶענְקֶען אַז דִי קְלֵיינִיקֵייטְן וָואס מִיר טוּעֶן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דַוְקָא דִי פְּשׁוּטֶע קְלֵיינֶע מִצְוֹת, דָאס וֶועט אוּנְז בְּרֶענְגֶען דִי גְרֶעסְטֶע זַאכְן, דָאס וֶועט אוּנְז דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אוּנְז מַאכְן פַאר עֶרְלִיכֶע אִידְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית פַּרְשַׁת וָאֵרָא תשע"ה לפ"ק)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קכז)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְקֶע.**

**תעב**

נָאךְ פֶּסַח אִיז דֶער רֶבִּי צוּרִיק גֶעפָארְן צוּם שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, רֶבִּי נָתָן הָאט אִים בַּאדִינְט אוֹיפְ'ן גַאנְצְן וֶועג, אוּן עֶר הָאט גֶעהֶערְט דֶעמָאלְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַסַאךְ דִבְרֵי תּוֹרָה אוּן שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶסְן, סְפֶּעצִיעֶל דִי גָאר שְׁטַארְקֶע דִבְרֵי חִיזּוּק וָואס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק ב, סִימָן מ"ח), ווִי אַזוֹי מְ'דַארְף זַיין גָאר אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן אִין עֲבוֹדַת ה', אוּן אֲפִילוּ וֶוען אַ אִיד שְׁפִּירְט אַז מְ'אִיז אִים מְרַחֵק, מְ'דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן, ווִי מֶער עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אַלְץ מֶער שְׁטוּפְּט מֶען אִים אַוֶועק, דַארְף מֶען זִיךְ וַוייטֶער שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער ווִי מְ'קֶען זֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אִינֶעוֵוינִיג.

דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אִינְמִיטְן דִי שְׁמוּעֶס, "אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אוֹיף אַ שְׁמָאל בְּרִיקֶל, נָאר דֶער עִיקָר זִיךְ נִישְׁט שְׁרֶעקְן".

**תעג**

אִינְמִיטְן וֶועג צוּרִיק הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אִין שְׁטָאט לִינִיץ, אוּן זֶענֶען אַרַיין אִין הוֹיז פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי גְדַלְיָ' מִלִּינִיץ זי"ע, אוּן דִי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֶענֶען מִיטְגֶעפָארְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן הָאבְּן דָארְט גֶעדַאוֶונְט הוֹיךְ אוּן שְׁטַארְק מִיט גְרוֹיס הִתְעוֹרְרוּת, סְפֶּעצִיעֶל רֶבִּי נָתָן.

דֶער צַדִּיק הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי גְדַלְיָ' זי"ע הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן, "וֶוען מְ'גֵייט אַרַיין צוּ אַ קֶענִיג, גֵייט מֶען דָאךְ אַרַיין מִיט אַ שְׁטִילְקֵייט אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ?", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אִיךְ הַאלְט פוּן דִי אַמָאלִיגֶע חֲסִידִים, וָואס זֶענֶען אַרַיינְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען מִיט דֶעם פַארְשְׁמָאלְצֶענֶעם אַרְבֶּל אִין הֵיכַל הַמֶּלֶךְ אַרַיין".

זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעסְן דָארְט, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִּיקִים, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (מִשְׁלֵי ד', י"ח) "וְאֹרַח צַדִּיקִים כְּאוֹר נֹגַהּ הוֹלֵךְ וָאוֹר עַד נְכוֹן הַיּוֹם" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קל"ג).

**תעד**

דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער גֶעפָארְן פוּן דָארְט, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז סְ'אִיז דָא אַ צַדִּיק וָואס אִיז זֵייעֶר בַּאקַאנְט אוּן מְפוּרְסָם אִין אֵיין לַאנְד, אָבֶּער אִין דִי דֶערְנֶעבְּנְדִיגֶע לַאנְד אִיז עֶר בִּכְלַל נִישְׁט חָשׁוּב, אוּן ווִידֶער אִין אַן אַנְדֶערֶע לַאנְד אִיז עֶר יָא בַּאקַאנְט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קל"ב).

<<<<<<

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הֶעלְפְן מַיין וַוייבּ?

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ שׂוֹין זֵייעֶר לַאנְג מִיט מַיין וַוייבּ, זִי טַעֲנָה'ט אַז אִיךְ הֶעלְף נִישְׁט גֶענוּג, אֲפִילוּ אִיךְ טוּ מֶער ווִי דִי כּוֹחוֹת אִיר צוּ הֶעלְפְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אִיז נָאךְ פִילֶע זַאכְן וָואס זִי הֶערְט נִישְׁט אוֹיף זִיךְ אָפְּצוּרֶעדְן אוֹיף מִיר.

לֶעצְטְנְס הָאט מַיין וַוייבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט גֵיין צוּ אַ טֶערֶעפִּיסְט, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל גֵיין מִיט אִיר, יֶענֶער הָאט מִיר מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז מַיין וַוייבּ קוּקְט מִיךְ נִישְׁט אַרוֹיף ווַייל אִיךְ בִּין צוּ אַ וֵוייכֶער אוּן אִיךְ פַארְלַאנְג קֵיינְמָאל נִישְׁט פוּן אִיר קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן ווִי אַזוֹי זִי גֵייט אוּן וָואס זִי טוּט בִּין אִיךְ אַלְץ צוּפְרִידְן, אוּן דָאס מַאכְט אַז זִי זָאל מִיךְ אַרָאפְּקוּקְן, ווַייל אַ פְרוֹי דַארְף אַ שְׁטַארְקֶער מַאן.

פַאר מִיר אִיז עֶס גֶעוֶוען זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ הֶערְן, ווַייל פַארְוָואס זָאל אַ פְרוֹי אַרָאפְּקוּקְן אִיר מַאן נָאר ווַייל עֶר אִיז אַ גוּטֶער אוּן אַ וֵוייכֶער, אוּן אוֹיבּ וֶועל אִיךְ שְׁרֵייעֶן אוּן זִיךְ רֶעגְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ אוּן זַיין אַ שְׁטַארְקֶער מַחְמִיר אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינֶע חוּמְרָא, וֶועט זִי מִיךְ דֶעמָאלְט אָנְהוֹיבְּן אַרוֹיפְקוּקְן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

**יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן פוּן דִי פּוֹתְרֵי חֲלוֹמוֹת פוּן פַּרְעֹה; אַ שָׁאד דִי צַייט פַאר דִי נַארִישְׁקֵייטְן, נָאר עֵצוֹת פוּן צַדִּיקִים אִיז גוּט נָאךְ צוּ גֵיין.

דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט צוּ גֵיין מִיט דַיין וַוייבּ וְכוּ' - אִיז נִישְׁט אַז דוּ זָאלְסְט אוֹיסְהֶערְן וָואס זֵיי זָאגְן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט וָואס צוּ פַארְקוֹיפְן, זֵיי קֶענֶען זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט הֶעלְפְן; ווִי קֶענֶען זֵיי הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן? נָאר אַז דִי וַוייבּ ווִיל גֵיין צוּ טֶערֶעפִּי - גֵייט מֶען לְמַעַן הַשָּׁלוֹם אוּן מֶען הָאט אִינְזִין צוּ פַּטְרְ'ן דִי מָרוֹר.

דוּ פָאלְג דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת - וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן; עֵצוֹת פוּן צַדִּיקִים אִיז דֶער וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען קֶען הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ז): "הָעֵצוֹת שֶׁל הַצַּדִּיק הֵם כּוּלוֹ זֶרַע אֱמֶת"; מִיט דִי עֵצוֹת וָואלְט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֶעקֶענְט הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים, דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן אִיז פַארְקֶערְט ווִי יֶענֶער הָאט דִיר גֶעזָאגְט; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן רב): "צָרִיךְ לַחֲלֹק לוֹ כָּבוֹד בְּיוֹתֵר", מֶען זָאל גֶעבְּן כָּבוֹד פוּן דִי וַוייבּ, ווַייל פְרוֹיעֶן דַארְפְן אַסַאךְ כָּבוֹד אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד אוֹיף כָּבוֹד; זָאלְסְטוּ רֶעדְן שֵׁיין, וֵוייךְ אוּן הַארְצִיג, אוּן אִיר נָאר אוֹיפְבּוֹיעֶן, נָאר אוֹיפְהֵייבְּן - וֶועט זִי מִיט דֶער צַייט וֶוערְן שְׁטַארְק אוּן הָאבְּן כֹּחַ.

דִי בֶּעסְטֶע טֶערֶעפִּי פַאר אַ פְרוֹי - אִיז דֶער מַאן, אַ מַאן קֶען אוֹיפְבּוֹיעֶן זַיין וַוייבּ זִי זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אוּן מִיט אַסַאךְ סַבְלָנוּת קֶען מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען אַלֶע אַלְטֶע וֵוייטָאג פוּן אַלְס קִינְד, פוּן שְׁטוּבּ אוּן פוּן סְקוּל, מֶען דַארְף אוֹיסְהֶערְן אוּן לָאזְן אוֹיסְרֶעדְן - אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן.

זֶע צוּ לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוּן זַיי שְׁטַארְק אִין הִתְבּוֹדְדוּת.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁמוֹת תשפ"ב)

BreslevCenter.com\answers

זַיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען בְּשָׁלוֹם קַיין בְּרֶסְלֶב, אוּן רֶבִּי נָתָן אִיז צוּרִיק אַהֵיימְגֶעפָאְרְן קַיין נֶעמִירוֹב, זַיין טַאטֶע הָאט אִים פַארְטְרִיבְּן פוּן זַיין שְׁטוּב, אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ עֶסְן בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים.

### תעה

פַאר שָׁבוּעוֹת הָאט רֶבִּי נָתָן זִיךְ צוּרִיק גֶעקֶערְט צוּם רֶבִּי'ן אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אִיבֶּער דִי גְרוֹיסֶע מְנִיעוֹת אוּן בִּיטֶערְנִישְׁן וָואס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף רֶבִּי נָתָן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶערוּפְן אוּן אִים גֶעזָאגְט דֶער לָשׁוֹן פוּן חֲזַ"ל (יוֹמָא פ"ה:) אַז סְ'אִיז עֶנְדֶערְשׁ מְחַלֵּל צוּ זַיין אֵיין שַׁבָּת, אַז דוּרְךְ דֶעם זָאל מֶען קֶענֶען הַאלְטְן אַסַאךְ שַׁבָּתִים; זָאגְנְדִיג מִיט דֶעם אַז עֶר זָאל עֶנְדֶערְשׁ יֶעצְט צוּרִיק אַהֵיימְפָארְן קַיין נֶעמִירוֹב אוּן נִישְׁט זַיין אוֹיף שָׁבוּעוֹת בַּיים רֶבִּי'ן, אוּן רֶבִּי נָתָן אִיז טַאקֶע אַהֵיימְגֶעפָארְן.

### תעו

יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען אַסַאךְ אִידְן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט שָׁבוּעוֹת הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיף דֶעם מַאֲמַר חֲזַ"ל (חֲגִיגָה י"ד:) "אָמַר רַבִּי עֲקִיבָא, כְּשֶׁאַתֶּם מַגִּיעִים לְאַבְנֵי שַׁיִשׁ טָהוֹר" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נ"א). מִיטָל נַאכְט יוֹם טוֹב הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (יְשַׁעְיָה מ"ב, ח') "אֲנִי ה', הוּא שְׁמִי" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן י"א).

### תעז

זוּנְטָאג, ח' סִיוָן, אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הָאט אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט פַאר אִים דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע תּוֹרָה אוֹיף "אָמַר רַבִּי עֲקִיבָא", אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט עֶס אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן פַארְ'ן רֶבִּי'ן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה

גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'
# מ'גרייט זיך שוין אויף ראש השנה תשפ"ג

ביי ברסלב'ע חסידים דריידט זיך די גאנצע יאר ארום ראש השנה, דאס איז געווען די גרעסטע זאך ביים רבי'ן, אזוי ווי ער האט אויסגעדרוקט, "וואס זאל איך אייך זאגן, קיין גרעסערס פון דעם איז נישט פארהאן". דער רבי האט אמאל געזאגט, "גלייך נאך ראש השנה בייג איך שוין צו די אויער און איך הער שוין דעם שמש קלאפן אויפ'ן פענסטער צו וועקן צו סליחות".

די וואך ביי די דרשות האט דער ראש ישיבה שליט"א מחזק געווען אז ס'איז צייט אנצוהויבן טראכטן פון אומאן ראש השנה, זיך צוגרייטן מיט אלעם וואס פעלט זיך אויס, דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט אז אנשי שלומינו פלעגן האבן א פושקע אינדערהיים, מ'האט אויפגעשריבן דערויף "קודש קדשים" און דאס האט מען באשטימט פאר אומאן, אין לויף פונעם גאנצן יאר האט מען יעדן טאג אריינגעווארפן עפעס געלט אין די פושקע, אז ווען ס'וועט קומען נענטער צו ראש השנה זאל מען האבן צו צאלן אויף די שפעזן.

- **תפלה** - די ערשטע זאך דארף מען זיך צוגרייטן מיט תפלה. ברסלב'ע חסידים האבן אלץ געוואוסט אז די איינציגסטע וועג אנצוקומען צום הייליגן רבי'ן איז נאר מיט אסאך תפלה, בעטן און בעטן און נאכאמאל בעטן דעם אייבערשטן אז מ'זאל זוכה זיין צו זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, שוין פון אנהויב יאר הויבט מען אן אוועקלייגן תפלות אז מ'זאל זוכה זיין אנצוקומען צום רבי'ן אויף ראש השנה.
- **פאספארט** - דער ראש ישיבה שליט"א האט מעורר געווען אז אזוי ווי די פאספארט אפיסעס זענען געווען פארשפארט פאר א לענגערע צייט צוליב דעם מצב העולם, זאל מען נישטווארטן אויף די לעצטע מינוט, שוין זיכער מאכן אז די פאספארטן - פון זיך און פון די קינדער - וועלן נאך זיין גילטיג אויף ראש השנה, און אויב נישט זאל מען שוין יעצט זיך אפגעבן מיט דעם, עס באנייען אדער מאכן נייע, אז דאס זאל נישט זיין קיין אפהאלט אויף די נסיעה.
- **בעטן** - דאס יאר ווערט צוגעלייגט נאך א שטאק פון בעטן אינעם בנין היכל הקודש אין אומאן, אבער וויפיל בעטן מ'לייגט נאר צו איז נישטא גענוג צוצושטעלן פאר'ן גאנצן ציבור. ווי געמאלדן וועט מען דאס יאר אי"ה אנהויבן שוין **פון ראש חודש שבט** צו פארדינגען בעטן אינעם בנין פאר דעם קומענדיגן ראש השנה תשפ"ג, און דאס וועט אנגיין **נאר ביז ראש חודש ניסן**, נאכדעם וועט די פרייז ארויפגיין צו טויזנט דאלער א בעט. צו דינגען א בעט רופט אין אמעריקע 347-452-1936, אין ארץ ישראל 0548456150.
- **שטיבער** - אזוי ווי דער ציבור פארמערט זיך יעדעס יאר קע"ה, וועט מען מער נישט צוזאמשטעלן שטיבער פאר'ן עולם, נאר יעדער צווישן זיך וועט זיך צוזאמשטעלן שטיבער און עס איינמעלדן פאר די ממונים. אין יעדע שטוב איז דא 8 בעטן, אנשי שלומינו וועלן זיך אפשמועסן צווישן זיך מיט וועמען זיי ווילן זיך צוזאמשטעלן אין איין שטוב, און אויב די גאנצע שטוב איז אויסגעצאלט, וועט מען דאס קענען אריינגעבן פאר'ן וועד הבנין, **נאר ביז ראש חודש אדר ב'**. נאכדעם וועט מען גיין אין די רייע און צוזאמשטעלן שטיבער לויט'ן סדר פון די מענטשן וואס דינגען בעטן.
- **עירליין טיקעטס** - גלייכצייטיג ווילן מיר דערמאנען דעם נייעם סערוויס דורך די בארימטע טראוול אגענטור "פלען איט רייט" אז מ'קען שוין יעצט אנהויבן ארײנלייגן צוביסלעך געלט פאר אן עירליין טיקעט צו קענען פארן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, רופט אריין 845-678-3555, און דרוקט עקסטענשאן 109.

**הזריז נשכר!**

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יואל פארקאש** שליט"א

גבאי ביהמ"ד היכל הקודש קרית יואל

**צו די אפשערן פון זיין זון יוסף נ"י למז"ט**

***

מו"ה **אשר לעמל זוסמאן** הי"ו

**צו די שמחת בר מצוה למז"ט פון זיין זון**

הבחור החשוב **בנימין זאב** נ"י

***

מו"ה **ברוך מרדכי פעקעטע** הי"ו

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

## מוסדות היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע - בנשיאות ראש הישיבה שליט"א**

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

**מו"ה ליפא שווארץ הי"ו**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

**ר' ליפא** איז גאר שטארק איבערגעגעבן פאר די מוסדות בכלל און פאר יעדן פון אנשי שלומינו בפרט, שטענדיג איז ער גרייט ארויסצוהעלפן מיט אלעס וואס פעלט זיך אויס, זאל דער אייבערשטער העלפן אז די אלע גרויסע זכותים זאלן אים ביישטיין, ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים

## מוסדות היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע - בנשיאות ראש הישיבה שליט"א**

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

**מו"ה יעקב לעזער הי"ו**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

די חשובע **מרת לעזער תחי'**, די געטרייע **מנהלת פון בית פיגא**, איז די רוקן-ביין פון די ברסלב'ע סקול, זי איז גאר שטארק איבערגעגעבן פאר די סקול, זיך אפגעבנדיג מיט יעדן קינד באזונדער מצליח צו זיין אויפ'ן שענסטן און בעסטן אופן. דער אייבערשטער זאל העלפן אז די גרויסע זכותים זאלן זיי ביישטיין צו זען פיל אידיש נחת פון די קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט

## זייט מתפלל!

**פאר ר' יצחק בן פייגלא**

**פאר א גאנצע און שנעלע רפואה בקרוב**

## א געשמאקע שובבי"ם

**אויסנוצן שובבי"ם מיט געשמאק, זיך צוריק קערן צום אייבערשטן מיט געשמאק, ס'איז דא גרינגע וועגן אויסצונוצן די שובבי"ם טעג**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 2, 7, 14**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**